## קאַפּיטל פֿינף

1 און זיי זענען געקומען אויף דער אַנדערער זייט
2 ים, אין דעם לאַנד פֿון די געראַסענער. און ווען
ער איז אַרויסגעשטיגן אויס דעם שיפֿל, איז אים
גלייך אַנטקעגנגעקומען פֿון די קבֿרים אַרויס אַ
3 מענטש מיט אַן אומריינעם גייסט, וואָס האָט געהאַט
זיין וואוינונג אין די קבֿרים, און קיינער האָט אים
שוין מער נישט געקענט בינדן, אַפֿילו נישט מיט
4 קיין קייט; ווייל אַ סך מאָל האָט מען אים געבונדן
מיט פֿענטעס און מיט קייטן, און ער האָט די קייטן
צעריסן און די פֿענטעס צעריבן, און קיינער האָט
5 אים נישט געקענט בייקומען. און תּמיד, טאָג און
נאַכט, איז ער געווען צווישן די קבֿרים און אויף
די בערג, שרייענדיק און שלאָגנדיק זיך מיט
6 שטיינער. און ווי ער האָט דערזען ישוען פֿונדער־
ווייטנס, איז ער געלאָפֿן און האָט זיך געבוקט פֿאַר
7 אים; און האָט אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול,
און געזאָגט: וואָס האָב איך מיט דיר, ישוע, דו
זון פֿון ג־ט, דעם אויבערשטן? איך באַשווער דיך
8 ביי ג־ט, דו זאָלסט מיך נישט פּייניקן! וואָרום
ער האָט צו אים געזאָגט: דו אומריינער גייסט,
9 גיי אַרויס פֿון דעם מענטשן! און ער האָט אים
געפֿרעגט: וואָס פֿאַר אַ נאָמען האָסטו? און ער
האָט צו אים געזאָגט: מיין נאָמען איז לעגיאָן, ווייל
10 מיר זענען אַ סך. און ער האָט אים פֿיל געבעטן,
אַז ער זאָל זיי נישט אַרויסשיקן פֿון דעם לאַנד.
11 און דאָרט ביים באַרג האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע
12 סטאַדע חזירים. און זיי האָבן אים געבעטן, אַזוי
צו זאָגן: שיק אונדז צו די חזירים, כדי מיר זאָלן